בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת צו - שבת הגדול תשע"ז** **גליון 404 [שנה ט']**

**קשוט עצמך ואח"כ קשוט אחרים**

צַו אֶת־אַהֲרֹן וְאֶת־בָּנָיו לֵאמֹר: (ו' ב') דער ריכטיגער דרך פאר א בעל דרשן וואס זאגט מוסר איז ווי חז"ל זאגן (ב"מ ק"ז:) קשוט עצמך ואח"כ קשוט אחרים, פריערט זאל מען זאגן מוסר פאר זיך, און זיך אליין פארעכטן און נאכדעם קען מען פארעכטן אנדערע. דאס איז דער רמז אין פסוק: אהרן ובניו זענען די ראשי העם, וואס זיי קומען מכפר צו זיין אויף כלל ישראל מיט זייער עבודה לפני ולפנים, און זיי דארפן זאגן מוסר פאר כלל ישראל זאלן תשובה טאן, איז פריערט: צַו אֶת־אַהֲרֹן וְאֶת־בָּנָיו, זיי זאלן זאגן מוסר צו זיך און זיך פארעכטן און נאכדעם, לֵאמֹר: קענען זיי זאגן מוסר צו כלל ישראל, און אזוי וועט נתקבל ווערן וואס די כהנים וועלן זאגן פאר די אידן. (אור המאיר – ר' זאב וואלף זיטאמיר)

**פארוואס שטייט צַו און נישט דבר**

צַו אֶת־אַהֲרֹן וְאֶת־בָּנָיו לֵאמֹר: (ו' ב') פרעגן די מפרשים פארוואס שטייט לאמר, צו וועמען דארפן זיי דאס זאגן? נאר די תורה הק' רעדט צו די כהנים וואס דארפן מקריב זיין קרבנות און בפרט קרבן עולה וואס איז אנדערש פון אנדערע קרבנות, און כדי זיי זאלן נישט פארגעסן די הלכות, זאלן זיי כסדר חזרן די הלכות, דאס מיינט לאמר, איבער חזרן. פון דעם איז דא א לימוד, אז מה דאך קרבנות וואס די כהנים האבן דאס כסדר מקריב געווען איז דא די חיוב צו חזרן, כ"ש ביי א מצוה וואס קומט אויס איינמאל א יאר דארף מען אוודאי חזרן, דעריבער איז דא די הלכה אז מען דארף לערנען הל' חג בחג הלכות פון יו"ט פאר יו"ט ווייל א מענטש קען פארגעסן פון די פריערדיגע יארן. (חי' ר' יוסף נחמי' קארניצער –קראקא)

**ביי עולה שטייט צו און ביי חטאת שטייט דבר?**

צַו אֶת־אַהֲרֹן וְאֶת־בָּנָיו לֵאמֹר זֹאת תּוֹרַת הָעֹלָה הִוא הָעֹלָה עַל מוֹקְדָה: (ו' ב') פארוואס ביי עולה שטייט: צַו אֶת־אַהֲרֹן, און ביי חטאת שטייט דַּבֵּר אֶל־אַהֲרֹן (ו' י"ח) נאך איז שווער וואס מיינט "הִוא" הָעֹלָה עס וואלט געקענט שטיין זֹאת תּוֹרַת הָעֹלָה, הָעֹלָה עַל מוֹקְדָה? נאר ביי קרבן עולה איז געווען די עבודה ביינאכט, און עס האט זיך געצויגן ביז אינדערפרי, און מיר טרעפן אין די גמ' (יומא כ"ב) ביי די עבודה פון די נאכט איז דא א חשש אז די כהנים וועלן זיין פויל, ווייל עס איז נישט אזוי חשוב ביי זיי, ווייל זיי עסן נישט פון דעם, און אויך שטייט אין מס' ברכות, הקטר חלבים ואימורים פון די קרבנות האבן די חכמים מחמיר געווען עד חצות, כדי להרחיק אדם מן העבירה, וועגן די חשש פון עצלות, דעריבער ביי עולה איז א מצוה צו מזרז זיין די כהנים, וועגן דעם שטייט, צַו, א לשון פון זירוז. און דעריבער שטייט "הִוא" הָעֹלָה. ווייל דאס איז די עיקר סיבה, דארף מען באווארענען די כהנים אז די עבודה איז חשוב און נישט זיין פויל. אבער ביי קרבן חטאת וואס די כהנים עסן פון דעם, און כל זמן זיי זענען נישט מקריב די אימורים איז עס אסור באכילה, איז שוין דא זירוז דעריבער שטייט דַּבֵּר און נישט צַו. (בנין אריאל – ר' שאול אמשטרדאם)

**טעם פון שבת הגדול און דער ענין פון דרשות שבת הגדול**

פארוואס דעם שבת ווערט אנגערופן שבת הגדול? שטייט א טעם ווייל די הפטרה פון שבת הגדול ענדיגט זיך מיטן פסוק: "הִנֵּה אָנֹכִי שֹׁלֵחַ לָכֶם אֵת אֵלִיָּה הַנָּבִיא לִפְנֵי בּוֹא יוֹם ה' הַגָּדוֹל וְהַנּוֹרָא" (מלאכי ג' כג) אזוי ווי מען רופט שבת חזון, שבת תשובה, שבת שקלים, שבת זכור, על שם די הפטורה אזוי אויך שבת הגדול. די שוועריקייט פון דעם איז אז די אלע שבתים איז על שם די ערשטעווארט, חזון ישעיהו וכו' און דא וואלט מען געדארפט רופן "שבת וערבה"? נאך א טעם שטייט אין טור (או"ח סימן ת"ל) ווייל עס איז געשעהן א גרויסע נס יענעם שבת: ווייל עס שטייט בעשור לחודש הזה ויקחו להם איש שה לבית אבות און דאס איז געווען שבת י' ניסן. און די אידן האבן גענומען א שה פאר א קרבן פסח און צוגעבונדן צו זייער בעט און די מצריים האבן געפרעגט צו וואס דארפן זיי דאס? און די אידן האבן געענטפערט מען גייט שחט'ן דעם שעפסעל פאר א קרבן פסח און די מצריים האבן געקריצט מיט די ציין אבער בחסדי השם איז געווען א נס אז זיי האבן גארנישט געקענט טאן אדער זאגן, און וועגן דעם הייסט דאס שבת הגדול. זאגט דער בית יוסף אז דער כל בו (סימן מ"ז) און שבלי הלקט (סימן ר"ה) זאגן אויך דעם טעם פון טור.

תוספות אין מס' שבת (דף פ"ז:) ד"ה והוא: ברענגט אויך דעם טעם פון נעמען די שה אין שבת, אבער די נס איז געווען אז די אידן האבן געענטפערט צו די מצריים אז דער אויבערשטער גייט הארגענע'ן אלע בכורים אין מצרים אויב מען וועט נישט ארויסשיקן די אידן, זענען די בכורים געגאנגען צו פרעה און זייערע עלטערן אז מען זאל שוין ארויסשיקן די אידן, און פרעה האט נישט געוואלט, האבן די בכורים געהארגעט זייער אסאך מצריים. דאס מיינט די פסוק (תהלים קל"ו י) למכה מצרים בבכוריהם: וועגן די בכורים האבן זיי געשלאגן די מצריים. פרעגט די ב"י: לויט די צוויי טעמים וואלט מען געדארפט אויך רופן די טעג פון י' ביז י"ד גרויסע טעג ווייל די נס איז געווען 4 טעג. ענטפערט דער ב"י ווייל די עיקר נס איז געווען אין אנפאנג אפילו די נס האט זיך געצויגן 4 טעג האלט מען נאר דעם אנפאנג.

דער ב"ח פרעגט צוויי שטארקע קשיות: איינס: לויט די טעמים וואלטן מיר געדארפט רופן יעדן יאר י' ניסן א יום הגדול און נישט נאר אין שבת הגדול? נאך איז שווער פארוואס דוקא יעצט האבן די מצריים געקריצט, די אידן האבן די גאנצע צייט געגעסן שעפסן אין מצרים און נישט געפרעגט די אלע יארן? די פרישה פארענטפערט די צוויי קשיות פון ב"ח: לויט וואס דער לבוש שרייבט אין סימן א': די סיבה פארוואס מען איז תולה דעם נס אין שבת און נישט אין די אנדערע טעג און פארוואס האבן ערשט יעצט די מצריים באמערקט אז די אידן עסן זייערע ג-ט? ווייל די אידן האבן דאך געהיט שבת אין מצרים ווי עס שטייט אין מדרש. און יענעם שבת האבן די מצריים געזען ווי די אידן זענען מטפל מיט די שה און "קשרו לכרעי המטה" און א קשר של קיימא איז אסור אין שבת, דאס האט געברענגט א וואונדער ביי זיי, און האבן געפרעגט וואס איז עפעס יעצט אז די אידן היטן נישט שבת און דורך דעם זענען זיי געווארן אויפגערעגט.

די פרישה ענטפערט אז משה רבינו האט געוואלט מונע זיין פון די אידן זיי זאלן נישט דינען עבודה זרה אזוי ווי מען דרשנ'ט "משכו וקחו לכם", רבי יוסי הגלילי זאגט: משכו ידיכם מעבודה זרה והדבקו במצוות. ממילא האט משה געדארפט רעדן און מסביר זיין די אידן דעם ענין פון קרבן פסח און זיינע טעמים און אויך מסביר זיין די הארבקייט פון דינען עבודה זרה. און די איינציגסטע צייט וואס די אידן האבן גערוהט, איז געווען אין שבת. וועגן יענעם שבת רופט מען דאס שבת הגדול ווייל דורך יענעם שבת האבן די אידן זיך אפגעהאלטן פון דינען ע"ז. וואלט מען געקענט מחדש זיין אז לויטן פשט פון לבוש פארשטייט מען פארוואס מען פירט זיך צו זאגן א דרשה שבת הגדול אלץ זכר וואס משה רבינו האט דעמאלטס איינגעזאמלט די אידן און גדרשנ'ט פאר זיי די חומר פון ע"ז און די ענין פון קרבן פסח, וועגן דעם דרשענען אלע קהילות אין שבת הגדול. (ע"י י. ז. קליטניק)

## מדור העובדות

## דער הייליגער חוזה מלובלין זיע"א האט אויפגעראכטן דריי אידן מיט איינמאל

דער בארנוב רב הרה"ק ר' אברהם שמחה הורוויץ זצ"ל - בעל מחבר חמרא טבא- האט געהערט די מעשה פון זיין הייליגן פעטער הרה"ק ר' מאיר מדזיקוב זצוק"ל בעל מחבר אמרי נועם וואס האט דערציילט די מעשה, דער הייליגער חוזה מלובלין האט געהאט א חסיד א עובד ה' פון די בני עליה, ער איז געווען א ארימאן און האט געהאט א טאכטער א כלה אבער געלט אויף א חתונה איז נישט געווען. איז ער געקומען צום חוזה וואס האט אים מייעץ געווען ער זאל פארן אין א געוויסן שטאט און דארטן וועט דער אויבערשטער אים צו שיקן די הוצאת החתונה. דער חסיד האט געהאט אמונה אין רבין און איז געפארן אין יענעם שטאט און איז אריין אין א קרעטשמע און געדונגען א צימער, דער חסיד ווייסט נישט פאר וואס און פאר ווען ער האט געדארפט דארטן קומען, און זעצט זיך לערנען און דינט דער רבש"ע.

דער בעל אכסניא פלעגט אלץ נאכקוקן די געסט און ער זעט דער חסיד זיצט שוין צוויי וואכן און דינט דעם אויבערשטן און קיין מסחר מאכט ער נישט, ער האט אזאנס נאך קיינמאל נישט געזען און דאס האט געכאפט זיין אויפמערקזאמקייט, ער איז צוגעגאנגען צום חסיד און נעמט זיך שמועסן מיט אים און פרעגט פארוואס ער איז געקומען צו אים, ווייל אויף מסחר איז ער נישט געקומען, און צו דינען דעם אויבערשטער קען ער דאס טאן ביי אים אין שטוב? האט אים דער חסיד דערציילט בתמימות אז זיין רבי דער חוזה מלובלין האט אים געשיקט אין דעם שטאט אז פון דא וועט ער האבן הוצאות פאר די חתונה און ער ווייסט נישט ווי אזוי! אבער ער איז זיכער אז דער רבי האט געהייסן וועט עס מקוים ווערן.

דער חסיד פרעגט דעם בעל אכסניא אויף זיין מצב און ער ענטפערט אז דער קרעטשמע ברענגט אים גענוג אויף פרנסה, אבער ער איז אמאל געווען א גרויסער עושר. איינמאל ווען ער איז געפארן אין דאנציג אויף מסחר האט ער שטארק מצליח געווען און פארקויפט זיין סחורה פאר 20 טויזנט רובל, עס איז געווען א הון רב, ווען ער איז אהיים געקומען האט ער איינגעוויקלט די געלט אין 20 פעקלאך, און דאס געזיגלט און אוועקגעלייגט אין א קאסטן און איז געגאנגען אין מארק. ווען ער איז צוריק געקומען האט ער געזען אז די קאסטן איז אפען און די געלט איז נישטא. און ווייל קיינער איז נישט געווען אין שטוב דעמאלטס נאר זיין משרת, וואס איז געווען א איד, איז געפאלן די חשד אויף אים, אבער ער האט זיך געהאלטן ביי זיינס אז ער האט נישט געגנבעט די געלט. און מען האט גערופן די פאליציי וואס האבן אים געפייניגט און געשלאגן ביז ער האט מודה געווען אז ער האט דאס געגנבעט. און פון דעמאלטס אן האב איך נאך נישט צוריק באקומען יענע געלט, אבער פרנסה ב"ה איז דא.

דער בעל הקרעטשמע האט געהאט ביי זיך א מלמד פאר זיינע קינדער. און נאכדעם וואס די קינדער זענען גרעסער געווארן האט דער בעל אכסניא געהאט הכרת הטוב צום מלמד און אים געגעבן א דירה לעבן אים און האט אים אויסגעהאלטן, ווייל דער מלמד איז געווען א תלמיד חכם און א באליבטער מענטש האט ער געלערנט יעדן טאג מיטן בעל הקרעטשמע. דער מלמד וואס איז אויך געווען א עובד ה' און פון די בני עליה האט זיך צוגעטעשפעט צום חסיד און עס איז געווארן א נאנטע ידידות צווישן זיי, און זיי האבן געלערנט צוזאמען און געשמועסט בעניני עבודת ה'. איין טאג פרעגט דער מלמד פארן חסיד וואס איז די סיבה פון זיין קומען? און דער חסיד האט אים דערציילט פון זיין רבין דער חוזה וואס האט אים געשיקט אין דעם שטאט אז פון דא וועט ער האבן הוצאות פאר די חתונה, און ער ווייסט נישט ווי אזוי! דער מלמד פארטראכט זיך א ווילע. און האט דערציילט די גרויסקייט פון דעם בעל הקרעטשמע וואס האלט אים אויס שוין צוואנציג יאר. איין טאג קומט דער מלמד צום חסיד צו גיין לערנען און פרעגט אים אויב ער וויל גיין שפאנצירן אינדרויסן פון שטאט? און דער חסיד האט מסכים געווען. אינמיטן שפאנצירן זאגט דער מלמד צום חסיד ער וויל אים דערציילן א זאך וואס דורך דעם וועט ער האבן פאר אים א עצה צו באקומען הוצאות החתונה. עטליכע יאר צוריק האט ער געטאן א גרויסע עוולה! דער בעל הקרעטשמע איז אהיים געקומען פון זיין מסחר און האט אוועק געלייגט 20 טויזנט רובל און ווען קיינער האט דאס נישט געזעהן האב איך גענומען די געלט און געטראכט יעצט וועל איך רייך ווערן. אבער ווען איך בין אהיים געקומען האט מיין הארץ נישט צוגעלאזט דאס צו טאן און בפרט צו א מענטש וואס איז מיר געווען אזוי געטריי, בין איך שנעל צוריק געקומען צום קרעטשמע און געוואלט צוריק לייגן די געלט, אבער ווען איך בין געקומען האב איך געזען ווי דער בעל הבית און די פאליציי שלאגן דעם משרת וואס איז געווען אומשולדיג, האב איך דעמאלטס געוואלט מודה זיין אז איך האב גענומען די געלט אבער איך האב געטראכט אז עס וועט זיין א חילול ה', איך וועל דאס צוריק געבן א אנדער מאל, דערווייל בין איך געגאנגען אין וואלד און זיך געקייקלט אויף די דערנער און זיך געפייניגט פארוואס איך האב גורם געווען צער און עגמת נפש פאר אידן. און אזוי שלעפט זיך די מעשה יארן און דאס שטערט מיין עבודת ה' און איך לעב אין חרטה און איך ווייס אז דער אויבערשטער זאל מיר מזכה זיין צוריק געבן די געלט פארן בעל הבית. זאגט דער מלמד צום חסיד, יעצט זע איך אז דיין רבי האט אלעס געזעהן און איך בין זיכער אז דו ביסט געשיקט געווארן מיר צו העלפן צוריק געבן די געלט און דורך דעם וועסטו האבן דיין ישועה. הער גוט צו מיין פלאן:

איך וועל דיר געבן די געלט און זאלסט דאס צוריק געבן צום בעל הבית אבער מוזט מיר צוזאגן בתקיעת כף אז דו וועסט נישט זאגן פארן בעל הבית פון וואו דו האסט די געלט, און אויך זאלסטו נישט איבער געבן די געלט ביז דער בעל הקרעטשמע וועט מיר מוחל זיין. דיר וועט מען נישט חושד זיין אז דו האסט דאס גענומען ווייל דו ביזט נאר יעצט געקומען צום קרעטשמע. דער חסיד איז געווען א חכם און געטראכט א ווילע און זאגט איך האב א פלאן! און צוגעזאגט דעם מלמד אז בעזר ה' וועט אלעס גיין כשורה. און דער מלמד איז געגאנגען מיט'ן חסיד נעמען די געלט וואס איז נאך געווען געוויקלט ווי יענעם טאג, און גיט דאס איבער צום חסיד. דער חסיד קומט אריין אין קרעטשמע און זעצט זיך ווייטער לערנען אזוי ווי זיין שטייגער. אויף צו מארגן'ס קומט דער חסיד צום בעל הקרעטשמע און בעט אים ער זאל אים נאכאמאל איבער דערציילן די מעשה פון די גניבה ווייל עס איז אים זייער אינטרעסאנט. דער בעל אכסניא וואס האט שטארק ארויפגעקוקט אויפן חסיד, נעמט זיך דערציילן די גאנצע מעשה. נאכן דערציילן, זאגט דער חסיד צום בעל הקרעטשמע, איך האב א וועג אז דו זאלסט צוריק באקומען די גאנצע געלט אזוי ווי דו האסט דאס איינגעוויקלט, אבער מוזט מיר צוזאגן בתקיעת כף אז דו וועסט מיר נישט פרעגן און מיר בעטן צו דערציילן פון וואו איך האב דאס באקומען. דער בעל הקרעטשמע האט נישט חושד געווען אז דער חסיד האט דאס געגנבעט, און זאגט אים צו מיט א תקיעת כף אז ער וועט אים נישט פרעגן. זאגט אים דער חסיד ער וועט יעצט גיין ברענגען די געלט, און דער חסיד קומט צוריק און ברענגט מיט זיך די 20 בינטלאך געלט וואס איז נאך געווען איינגעוויקלט מיטן זיגל פון בעל הקרעטשמע. דער בעל הקרעטשמע איז געווארן אזוי פריילאך, און איז געפאלן אויפן חסיד און אים שטארק באדאנקט אז בהשגחה פרטית איז ער געקומען צו זיין אכסניא צוריק געבן זיין אוצר פון געלט וואס ער האט זיך שוין לאנג מייאש געווען פון דעם.

דער בעל הקרעטשמע, א ווארעמע איד האט גענומען איין בינטל פון טויזנט רובל און דאס אוועקגעגעבן פארן חסיד און זאגט: מיט דעם וועסטו קענען חתונה מאכן אלע דיינע קינדער! דער חסיד האט גוט פארשטאנען אז דאס איז געווען די הייליגע כוונה פון זיין רבין דער חוזה! דער חסיד האבן זיך געזעגנט מיט בעל הקרעטשמע מיט פריידן און דער חסיד איז אהיים געפארן א געהאלפנער. דער חסיד האט געזען אז דער רבי האט דא אויפגעראכטן דריי מענטשן מיט איינמאל. איינס, אז ער זאל האבן הוצאות החתונה. און צווייטנס, אז דער מלמד זאל קענען תשובה טאן אויף זיין גניבה, און דער בעל הבית זאל אים מוחל זיין, און דריטנס, אז דער בעל הבית זאל צוריק באקומען זיין געלט זיע"א.


הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן

*תהלים עם ע"ט נדפס זיטאמיר מצב מפואר $8500, תהלים עם ע"ט נדפס זיטאמיר של הסידור $4500 א לאנגע גאנצע בריוו פון הייליגן חפץ חיים שטארקע תוכן ווינטשט אן ווער עם וועט העלפן $22000, סידור חסד לאברהם מצב חדש מנטובא תקמ"א עפ"י האריז"ל $8000, חובת הלבבות שנת ש"ח מצב יפה רק חסר השער $3000, ספר עמוד העבודה עם ב' חתימות ר' זוסא בהרב ר' אהרן מטשרנאביל ,$1800 סעט ארבע טורים מצב נהדר עם כריכה ארגינלית נדפס דיהארנפורט עם חתימת הגאון ר' זרח ב"ר אבא ליפפא אב"ד בוחיף ועוד $2000, און הונדערטער הגדות נייע און אלטע*

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM***

מען קען באקומען דעם גליון אין די קונטרס גליונות לשבת אויך א קונטרס פרדס יהודה הגדה של פסח אין אידיש צו באקומען ביי אונז פארוואס זאלט איר באצאלן געלט פאר שֵׁמוֹת? אויב איר האט ספרים נייע און אלטע קענט איר דאס אריינברענגען צו אונז בחינם. פאר גרעסערע קוואנטום'ס קענען מיר קומען צו אייך, מיר נעמען נישט גמרות אדער חומשים און סידורים וואס זענען געדרוקט אין די לעצטע 70 יאר.

מיר ווינטשן אלע א פרייליכן און כשר'ן פסח